**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/4/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול עפנט ערשטע יערליכע ניו יארק סטעיט דיסאביליטי רעכטן און באשעפטיגונג אויפמערקזאמקייט חודש**

***צוזאמקום און ווירטואלע דזשאב יריד וועט באטייליגט ווערן דורך סטעיט אגענטורן, פריוואטע ארבעטסגעבער און נישט-פאר-פארדינסט ארגאניזאציעס וועלכע זענען איבערגעגעבן צו אויפנעמען מענטשן מיט דיסאביליטיס***

***גאווערנער גיבט ארויס [פראקלאמאציע](#) באשטימענדיג אקטאבער אלץ דיסאביליטי רעכטן און באשעפטיגונג אויפמערקזאמקייט חודש***

***נייער געזעץ (A.8915-B/S.7746-B) ערמעגליכט די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס צו אוועקשטעלן א פרייוויליגער טרענירונג און סערטיפיקאציע פראגראם פאר ארבעטסגעבער וועלכע נעמען אויף מענטשן מיט דיסאביליטיס***

***נייער געזעץ (S.7578-C/A.8549-C) שטעלט אוועק נייע מינימום פאר די פראצענט פון ארבעט אין א קאנטראקט מוז געטוהן ווערן דורך ניו יארקער מיט דיסאביליטיס צו הייסן 'פריפערד סאורס'***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געעפנט ניו יארק'ס ערשטע יערליכע 'דיסאביליטי רעכטן און באשעפטיגונג אויפמערקזאמקייט חודש' (Disability Rights and Employment Awareness Month) צוזאקמום באשטייענדיג פון צוויי חלקים: א פולע-טאג פראגראם באשטייענדיג פון א פירמע יריד, וואָרקשאַפּס, אונטערהאלטונג און פארטיילונג פון אויסצייכענונגען, און אויך א ווירטואלע דזשאב יריד, מיט די ציהל צו ארויסברענגען די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט צו שטיצן די רעכטן פון מענטשן מיט דיסאביליטיס ביי די ארבעטספלאץ, קומענדיגע דינסטאג, אקטאבער 11. גאווערנער האקול האט אויך אונטערגעשריבן א נייער געזעץ (A.8915-B/S.7746-B) וואס וועט ערמעגליכן פאר די אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס ( Office for People with Developmental Disabilities, OPWDD) צו אוועקשטעלן א פרייוויליגער טרענירונג און סערטיפיקאציע פראגראם פאר ארבעטסגעבער וועלכע ווילן לערנען איבערן אויפנעמען מענטשן מיט דיסאביליטיס; און נאך א געזעץ (S.7578-C/A.8549-C) וואס שטעלט אוועק א נייע מינימום פאר וויפיל פראצענט פון די ארבעט אין א קאנטראקט מוז געטוהן ווערן דורך ניו יארקער מיט דיסאביליטיס כדי צו ווערן פאררעכנט א 'פריפערד סאָורס קאנטראקט' — א קאנטראקט וואס דארף באקומען דין קדימה דורך געוויסע אגענטורן.

"כדי די 'ניו יארקע טרוים' זאל קענען פארווירקליכט ווערן, מוזן מיר פארזעצן צו מאכן אונזער סטעיט מער אפן, אריינרעמענדיג און צוגענגליך פאר יעדן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די 'דיסאביליטי רעכטן און באשעפטיגונג אויפמערקזאמקייט חודש' קומט צו אנערקענען ווי ווייט מיר זענען שוין אנגעקומען ארבעטנדיג פאר די ציהל, און אזוי אויך צו איינזעהן אז מער ארבעט איז נאך נויטיג צו פארברייטערן די

רעכטן פון מענטשן מיט מענטשן מיט דיסאביליטיס און פארזיכערן אז זיי באקומען די זעלבע געלעגנהייטן אין די ארבעטסקראפט פונקט ווי אלע ניו יארקער."

די גאווערנער האט אויך ארויסגעגעבן א פראקלאמאציע עפענענדיג די ערשטע יערליכע דיסאביליטי רעכטן און באשעפטיגונג אויפמערקזאמקייט חודש און די 'DREAM' צוזאמקום, געציהלט צו אנערקענען די רעכטן פון ניו יארקער מיט דיסאביליטיס, אריינרעכענענדיג די רעכט פאר גלייכע באשעפטיגונג געלעגנהייטן. די צוויי-טאגיגע געשעעניש וועלכע האט זיך היינט אנגעהויבן האט אריינגערעכנט א פנים-אל-פנים פירמע יריד מיט מער פון 70 פריוואטע, פובליק און נישט-פאר-פארדינסט ארגאניזאציעס, און עס וועט פארזעצן דינסטאג מיט א ווירטואלע דזשאב יריד באשטייענדיג פון מער פון 100 ביזנעסער וועלכע זענען אינטערעסירט צו אויפנעמען מענטשן מיט דיסאביליטיס מיט כמעט 8,000 אוועילעבעל דזשאבס.

די צוזאמקום האט אריינגערעכנט פיר וואָרקשאַפּס אין די נושא פון באשעפטיגן מענטשן מיט דיסאביליטיס:

- דער ABLE פראגראם אין ניו יארק סטעיט
- אן איבערבליק פון די OPWDD'ס פארגעשלאגענע 5.07 פלאן - 2023-2027
- ניו יארק סטעיט'ס ציווילע סערוויס 55 B & C פראגראמען
- סיבות פארוואס עס לוינט זיך פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס צו ארבעטן

אויך אלץ טייל פון די צוזאמקום, האט די סטעיט אנערקענט די דערגרייכונגען פון צוויי שתדלנים וועמען'ס ארבעט האט געהאלפן זיכער מאכן אז מענטשן מיט דיסאביליטיס באקומען סערוויסעס אין די מערסטע אפענע, אריינגעמנדע און צוגענגליכע וועג וואס איז נאר מעגליך צו נאכקומען זייערע באדערפענישן. ברעד וויליאמס, דער עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די ניו יארק סטעיט זעלבסטשטענדיגע לעבן קאונסיל (New York State Independent Living Council), איז באעהרט געווארן מיט די 'DREAM לעבנסלענגליכע שתדלנות דערגרייכונג באעהרונג' ( DREAM Lifetime Advocacy Achievement Award), און קריסטין בוט גלען, א געוועזענע אוניווערסיטעט פראפעסארין און 'דיען עמעריטע' פון CUNY געזעץ סקול, איז באעהרט געווארן מיט די DREAM 2022 שתדלן באעהרונג ( DREAM 2022 Advocate Award). די געשעעניש האט אויך אריינגערעכנט אן ערשיינונג דורך FLAME the Band, א גרופע מוזיקאנטן מיט דיסאביליטיס וועלכע האבן ערשיינט אין די עמפייער סטעיט פלאזא זאל.

בעפאר די צוזאמקום האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן א נייער געזעץ (A.8915-B/S.7746-B) וואס ווייזט אן פאר די סטעיט'ס אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס צו אוועקשטעלן א פרייוויליגער טרענירונג און סערטיפיקאציע פראגראם פאר ארבעטסגעבער וועלכע האבן געגעבן די אגענטור'ס 'EmployAbility' צוזאג. דער פרייוויליגער טרענירונג פראגראם וועט גיבן כלים און סטראטעגיעס פאר ארבעטסגעבער וואס זיי וועלן קענען נוצן צו פארמערן די פארשידנארטיגקייט פון זייערע ארבייטער דורכן אויפנעמען מענטשן מיט דיסאביליטיס.

**סטעיט סענאטאר דזשאן מעניאן האט געזאגט,** "מיר ווייסן אז עס איז דא א דירעקטע קשר צווישן דעם 'פריפערד סאָורס' פראגראם, באשעפטיגונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס און ביליאנען פון דאלארן אין עקאנאמישע אקטיוויטעט. מיין ביל פארברייטערט דעם פראגראם און שטעלט אוועק נייע אנווייזונגען און סערטיפיקאציע צו העלפן ביזנעסער זיך צו פארבינדן מיט – און ארויסהעלפן – ארבייטער מיט דיסאביליטיס. איך בין פול מיט האפענונג אז דאס וועט קענען עפענען די טויערן פון דזשאב געלעגנהייטן פאר א באפעלקערונג וואס מוטשעט זיך מיט א שרעקליך-הויכע ארבעטסלאזיגקייט ראטע פון 70 פראצענט. די בילס זענען טייל פון מיין איבערגעגעבנקייט צו בויען א ניו יארק וואס איז מער יושר'דיג און גלייך, און איך בין גאר דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס שותפות און פירערשאפט."

**אסעמבלי מיטגליד קריס בוירדיק האט געזאגט,** "אלץ פארזיצער פון די אונטערשטע קאמיטע פאר באשעפטיגונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס, האב איך געלערנט אזוי פיל איבער די פילע שטרויכלונגען וועלכע שטייען אין וועג פון די באפעלקערונג צו באקומען דזשאבס. מיינע צוויי בילס, A8549 און A8915, וועלן העלפן שטופן און מוטיגן פירמעס צו איינשטעלן מענטשן מיט דיסאביליטיס. א דאנק אייך גאווערנער האקול און OPWDD קאמישאנער נייפעלד פאר אייער מיטארבעט צו מאכן עכטע פארשריט אויף די נושא. מיר זענען נאכנישט דארט וואו מיר דארפן זיין, אבער די בילס זענען א טריט אין די ריכטיגע ריכטונג."

גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן נאך א געזעץ (S.7578-C/A.8549-C) וואס מאדערניזירט די 'פּריפערד סאָורס' געזעץ און שטעלט אוועק א נייע מינימום פאר וויפיל פראצענט פון די ארבעט אין אזעלכע קאנטראקטן מוז געטוהן ווערן דורך ניו יארקער מיט דיסאביליטיס צו באקומען די סטאטוס. דער נייער געזעץ שטעלט אוועק א סטאנדארט אז 50 פראצענט אדער מער פון די ארבעט פון א 'פּריפערד סאָורס' קאנטראקט מוז געטוהן ווערן דורך מענטשן מיט דיסאביליטיס, און דער געזעץ שטעלט אויך אוועק די מאקסימום סומע וויפיל אן אגענטור קען אויסגעבן אויף א פראדוקט אדער סערוויס איינגעקויפט דורך א 'פּריפערד סאָורס' קאנטראקט – אן דארפן באקומען באשטעטיגונג פון די סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס (Office of General Services) – צו $100,000.

**טשיעף דיסאביליטי אפיסער, קים ט. היל, האט געזאגט,** "עס איז אונזער פליכט צו באשיצן און היטן אויף די רעכטן וועלכע מענטשן מיט דיסאביליטיס ווילן און וואס עס קומט זיך פאר זיי, אריינרעכענענדיג די רעכט פאר באצאלנדע, פראדוקטיווע, אריינגעמנדע און נויטיגע באשעפטיגונג. צוזאמען מוזן מיר שטרעבן צו פארבעסערן געלעגנהייטן און באשיצן די רעכטן פון מענטשן מיט דיסאביליטיס צו פירן פולשטענדיג איינגעגלידערטע לעבנס אין אונזערע קאמיוניטיס וועלכע פירן צו סוקסעספולע באשעפטיגונג, פארשריט מיט קאריערע און ביזנעס פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס און אמת'דיג מאכן אונזער סטעיט אפן פאר אלע ניו יארקער."

אין צוגאב, געפונט זיך אן אויסשטעלונג איבער דיסאביליטי רעכטן און באשעפטיגונג אויפמערקזאמקייט אין די גאווערנער'ס אויפנאמע צימער אויף די ניו יארק סטעיט קאפיטאל'ס צווייטע שטאק ביז נאוועמבער 4. די אויסשטעלונג באעהרט די רייכע היסטאריע, שוועריגקייטן און דערגרייכונגען פון די דיסאביליטי רעכטן באוועגונג, און די באשיצונגען, סערוויסעס און שטיצע וואס זענען ערגרייכט געווארן אין ניו יארק סטעיט.

די אויסשטעלונג רעכנט אריין בילדער און געשיכטעס פון ניו יארקער וועלכע האבן געקעמפט און זעצן פאר צו קעמפן פאר רעכטן, אריינרעכענענדיג די ווילטשעיר גענוצט דורך פרענקלין דעלענאָ רוזעוועלט אין די עקזעקיוטיוו וואוינונג דורכאויס זיין טערמין אלץ גאווערנער. א פאנעל ווערסיע פון די אויסשטעלונג וועט ארויסגעשטעלט ווערן אין די עמפייער סטעיט פלאזא היינט, אלץ טייל פון די צוזאמקום.

אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, גיבט ניו יארק סטעיט אריין א נייע גייסט אין די אריגינעלע 'באשעפטיגונג ערשט קאמיסיע' (Employment First Commission) און אין אירע ציהלן צו ווידערהאלן א שטארקע פארפליכטונג צו דראסטיש פארבעסערן די באשעפטיגונג ראטע פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. אוועקגעשטעלט אין 2015, איז ניו יארק'ס 'באשעפטיגונג ערשט פּאליסי' א כלי פאר רעגירונג, קאמיוניטי אגענטורן און שתדלנות ארגאניזאציעס צו ארבעטן צוזאמען צו העכערן די באשעפטיגונג ראטע מיט פינף פראצענט צווישן ניו יארקער מיט דיסאביליטיס וועלכע באקומען רעגירונג סערוויסעס.

פריער דעם יאר האט גאווערנער האקול אויך אוועקגעשטעלט די סטעיט'ס סאמע ערשטע 'אפיס פון די טשיעף דיסאביליטי אפיסער' (Office of the Chief Disability Officer) צו שתדל'ן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. די נייע אפיס העלפט אוועקשטעלן ניו יארק אלץ א מוסטער פאר אפנקייט, איינגלידערונג און צוגענגליכקייט דורכן זיכער מאכן אז אלע סטעיט פאליסיס, פראגראמען און אקטיוויטעטן קומען באמת נאך די באדערפענישן פון אלע מענטשן מיט דיסאביליטיס.

היל – וואס איז אויך באשטימט געווארן אלץ טשיעף דיסאביליטי אפיסער אין פעברואר – ארבעט צוזאמען מיט די סטעיט'ס טשיעף דייווערסיטי אפיסער אין די עקזעקיוטיוו טשעימבער צו נאך מער פארשטערקערן אברייטע צוגאנג איבער די סטעיט. זי קאארדינירט אויך די סטעיט'ס איינפירונג פון דעם 'אמעריקאנער מיט דיסאביליטיס געזעץ' (Americans with Disabilities Act), און זי דינט אויך אלץ פארזיצערין פון די 'מערסט אריינגעמנדע וועג קאארדינירנדע קאונסיל" ( Most Integrated Setting Coordinating Council).

**אפיס פאר מענטשן מיט אנטוויקלונג דיסאביליטיס קאמישאנער, קערי נייפעלד, האט געזאגט,** "מענטשן וועלכע האבן אינטעלעקטואלע און אנטוויקלונג דיסאביליטיס קענען – און דארפן – שפילן א הויפט ראלע אין אונזער סטעיט'ס עקאנאמיע אזוי ווי זיי זענען א באפעלעקערונג פון מענטשן וועלכע זענען אין א גרויסע טייל נישט אויסגענוצט און שטייען גרייט, וויליג און אומשטאנד צו ארבעטן. די OPWDD איז שטאלץ אריינצוגיין אין א שותפות מיט די טשיעף דיסאביליטי אפיס און מיט אירע שוועסער אגענטורן כדי צו העלפן אלע ניו יארקער עררייכן בכבוד'דיגע און עקאנאמישע זעלבסטשטענדיגקייט דורך באדייטפולע באשעפטיגונג."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט (Department of Labor, DOL) קאמישאנער, ראבערטא ריערדאן, האט געזאגט,** "א פארשידנארטיגע און אריינגעמנדע ארבעטסקראפט איז די שליסל צו הצלחה, און די DOL בלייבט איבערגעגעבן צו פארזיכערן גלייכע געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער צו האבן א טשאנס צו טרעפן א קאריערע וואס זיי האבן ליב, און די נאציאנאלע דיסאביליטי באשעפטיגונג אויפמערקזאמקייט חודש איז א גוטע געלעגנהייט פאר ביזנעסער צו איבערקוקן זייערע פאליסיס און סטאנדארטן און ארויסווייזן אביסל באמיאונגען צו אריינגעמען מער מענטשן."

**אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) קאמישאנער, דר. ען סאַליוואן, האט געזאגט,** "די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט איז איבערגעגעבן צו שטיצן די ערהוילונג פראצעדור פאר מענטשן וועלכע לעבן מיט גייסטישע געזונטהייט פראבלעמען דורך שיין-באצאלטע און אריינגלידערנדע באשעפטיגונג. אין צוגאב צו די עקאנאמישע בענעפיטן, גיבט דאס זיין באשעפטיגט פאר א מענטש א געפיל פון זעלבסטשטענדיגקייט, עס פארשטערקערט די זעלבסט-שאץ, גיבט סטראטעגיעס צו האנדלען מיט פסיכיאטרישע סימפאטמען און שטעלט צו געלעגנהייטן פאר פערזענליכע אנטוויקלונג. איך דאנק גאווערנער האקול און טשיעף דיסאביליטי אפיסער קים היל פארן צוזאמרופן ניו יארק'ס ערשטע יערליכע דיסאביליטי רעכטן און באשעפטיגונג אויפמערקזאמקייט חודש פייערונג, וואו מיר פארפליכטן זיך צו מאכן ניו יארק פאר א פירער אינעם שטופן פאר די רעכטן און באשעפטיגונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. די OMH זעצט פאר צו ארבעטן צוזאמען מיט סטעיט אגענטור שותפים צו פארבעסערן סקילס, חינוך, באשעפטיגונג און טרענירונג פראגראמען פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס."

**דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס (Department of Civil Service) קאמישאנער, טימאטי האָגס, האט געזאגט,** "אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, האט די עמפּלויער סטעיט געמאכט דראמאטישע פארשריט מיטן שאפן און פארשטערקערן געלעגנהייטן פאר אלע ניו יארקער, אראפווארפנדיג שטרויכלונגען צו געזעלשאפטליכע און עקאנאמישע איינגלידערונג און שטופן פאר גלייכע

געלעגנהייטן פאר יעדן. עס איז א פארגעניגן פאר די דעפארטמענט פון ציווילע סערוויס צו זיין א חלק פון די ערשטע ניו יארק סטעיט דיסאביליטי רעכטן און באשעפטיגונג אויפמערקזאמקייט חודש, צו ארויסווייזן די פובליק סערוויס קאריערע געלעגנהייטן וועלכע זענען דא צו באקומען פאר מענטשן מיט דיסאביליטיס. דורך אזעלכע פראגראמען ווי די גאווערנער'ס פראגראם צו אויפנעמען מענטשן און וועטעראנען מיט דיסאביליטיס, פלאסטערן מיר אויס וועגן פאר מענטשן און וועטעראנען מיט דיסאביליטיס צו קענען ארבעטן אין סטעיט סערוויס. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אונזערע סטעיט אגענטור שותפים צו פארזעצן צו בויען א פובליק ארבעטסקראפט וואס קען בעסער דינען די אינטערעסן פון אלע ניו יארקער."

**אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OCFS) קאמישאנער, שילע פּול, האט געזאגט,** "אונזער אגענטור אנערקענט די געוואלדיגע ווירדע פון א פארשידנארטיגע ארבעטסקראפט — אזא וואס נעמט אויך אריין מענטשן מיט דיסאביליטיס. די OCFS האלט אפ די סטעיט'ס קאמיסיע פאר די בלינדע (Commission for the Blind) — וועמען'ס מיסיע עס איז צו פארבעסערן די מעגליכקייטן צו ארבעטן, מאקסימיזירן זעלבסטשטענדיגקייט און העלפן אנטוויקלען סקילס און שטארקייטן פון מענטשן וועלכע זענען בלינד אדער האבן שוועריגקייטן צו זעהן. די קאמיסיע איז איין סטעיט שותף וואס שטעלט צו ברייטע באשעפטיגונג און טרענירונג פאר יוגנטליכע און ערוואקסענע צו ערמעגליכן ערוואקסענע צו באקומען דזשאבס פון א העכערע קוואליטעט. פראגראמען זענען קאנצעטרירט אויף באדייטפולע באשעפטיגונג כדי מענטשן זאלן קענען פירן פארפילנדע, פראדוקטיווע לעבנס. מיר ארבעטן פון די נאענט מיט די לעיבאר דעפארטמענט און מיט קאריערע צענטערן צו פארבעסערן די צוגענגליכקייט צו סיסטעמען פאר בלינדע מענטשן וועלכע זוכן דזשאבס מיט בייהילפיגע טעכנאלאגיע און טעכנישע הילף."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418